בס"ד

שבת מברכים אב | ר"ח יום רביעי | המולד ליל רביעי 19:30 | 17 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**מטות מסעי**
**כ"ז תמוז תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:12 |
| מוצש"ק | 8:29 |
| ר"ת | 9:05 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:18 | סוז"ת א' 9:47 |
| סוזק"ש ב' 9:10 | סוז"ת ב' 10:22 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קצ"ה
שנה ד'

## טיב הפרשה

# נקום נקמת בני ישראל

## מוסר'ן א איד מיט'ן פארשטאנד געפיל

אין די וואכענדיגע פרשה דערציילט אונז די תוה"ק אז משה רבינו האט באפוילן פאר'ן כלל ישראל אז זי זאל ארויסגיין אין א קריג מיט די מדינים, און נוקם זיין אין זיי א נקמה קעגן וואס זיי האבן געטון פאר כלל ישראל.

וואס האט מדין געטון פאר כלל ישראל? די מדינים האבן מכשיל געווען כלל ישראל מיט די ביטערע עבירה פון זימה.

נישט נאר די מדינים האבן מכשיל געווען כלל ישראל מיט חטאים. אויך די מואבים האבן מכשיל געווען כלל ישראל מיט די ביטערע חטאים, אבער ווען עס קומט צו נעמען נקמה - נעמט מען נקמה נאר אין די מדינים.

פארוואס איז די נקמה נאר קעגן די מדינים? רש"י שמועסט עס אויס און ערקלערט עס: "מאת המדינים - ולא מאת המואבים, שהמואבים נכנסו לדבר מחמת יראה שהיו יראים מהם, שיהיו שוללים אותם, שלא נאמר אלא אל תתגר בם מלחמה. אבל מדינים נתעברו על ריב לא להם".

ביידע לענדער האבן מחטיא געווען כלל ישראל, אבער יעדע לאנד האט געהאט אן אנדערע כוונה. איינער איז מחטיא כלל ישראל ווייל ער האט מורא, ער ציטערט פאר זיין עקזיסטענץ, ער איז אין פאניק און די פאניק איז גורם אז ער זאל באגיין נארישקייטן. דער צווייטער שפירט זיך נישט באדראאעט, ער טוט עס וועגן שנאה, אזא איינער דארף ווערן באשטראפט.

ווען מען איז מתבונן אין די ווערטער פון רש"י, זעט מען דא א מורא'דיגע מוסר השכל. ווען מ'זעט אז איינער איז באגאנגען אן עבירה קענסטו אים דן זיין לויט די מעשה העבירה. ער האט עובר געווען אן עבירה און ער ווערט פסול און אפגעפרעגט, אבער דא לערנט דיר די תוה"ק ווי אזוי מ'זאל אנקוקן א זאך. ער זאגט דיר, קוק נישט אויף די מעשי העבירה, קוק אויף די אומשטענדן וואס האבן גורם געווען אז יענער איד זאל עובר זיין די עבירה.

ביידע זענען געווען שותפים צו די עבירה. ביידע פעלקער האבן אייניג מכשיל געווען כלל ישראל מיט די הארבע עבירה פון זימה און מפקיר געווען זייערע טעכטער, אבער ווען עס קומט צו די שטראף איז דא א חילוק און די אנדערשקייט איז וועגן די מחשבה, די כוונה פארוואס זיי האבן געמאכט די עבירה.

מ'זעט נאכמער פון דעם. די מדינים זענען געווען נאכשלעפער פון די מואבים. דער מלך מואב איז געווען דער פלאנירער פון די געדאנק. ער האט באקומען די עצה פון בלעם הרשע ווי עס שטייט אין פסוק 'לכה איעצך', אז בלעם האט מייעץ געווען פאר בלק מחטיא צו זיין כלל ישראל ווייל 'אלהיהם של אלו שונא זימה הוא', און שפעטער שטייט אין פסוק [כה, א] ויחל העם לזנות אל בנות מואב אז זיי זענען געווען די אנהייבער און די מדינים זענען שפעטער אונטערגעקומען, אבער ווען עס איז געקומען צו נקמה האט מען זיך נוקם געווען אין די מדינים און נישט אין די מואבים ווייל די מואבים האבן עס געטון מחמת מורא אבער די מדינים מחמת שנאה.

די תוה"ק לערנט אונז אויס ווי אזוי מ'זאל אנקוקן א זאך.

## טיב המערכת

# וְאֵת בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר הָרְגוּ בֶּחָרֶב

אין די פרשה פון די וואך ווערט דערציילט איבער דער שטראף וואס בלעם הרשע האט באקומען אז ער איז גע'הרג'עט געווארן מיט א שווערד, און אייגנטליך דארף מען דאך פארשטיין, ווייל דער אויבערשטער האט דאך נישט באפוילן אז מען זאל אים ררג'נען און פונדעסטוועגן האט מען אים גע'הרג'עט. און פאַרוואס טאקע? איז רש"י הקדוש מסביר וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: בִּלְעָם הָלַךְ שָׁם לִטּוֹל שְׂכַר עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אֶלֶף שֶׁהִפִּיל מִיִּשְׂרָאֵל בַּעֲצָתוֹ, וְיָצָא מִמִּדְיָן לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וּמַשִּׂיאָן עֵצָה רָעָה, אָמַר לָהֶם אִם כְּשֶׁהֱיִיתֶם שִׁשִּׁים רִבּוֹא לֹא יְכוֹלְתֶּם לָהֶם, וְעַכְשָׁו בי"ב אֶלֶף אַתֶּם בָּאִים לְהִלָּחֵם'?

לויט די ווערטער פון רש"י, איז דער שטראף פון בלעם געווען פאר די שלעכטע עצה וואס ער האט געגעבן וועגן די אידן, און פאר די קאלטקייט וואס ער האט געוואלט אריינברענגען אין זייער הארץ, און אייגנטליך איז ער טאקע דערפאר באשטראפט געווארן, פאר די קאלטקייט וואס ער האט געוואלט אריינברענגען אין די הערצער פון די סאלדאטן, ווייל ווען מען גייט ארויס אין קאמף אדער צו יעדער דבר מצוה און איינער קומט און ברענגט אריין קאלטקייט, איז ער אימשטאנד צו קאליע מאכן און קאלט מאכן יעדן איינעם.

איבערן זעלבן ענין, איז כדאי צו ברענגען די ווערטער פון דער הייליגער ארחות צדיקים אין שער השמחה, וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: יֵשׁ עוֹד שִׂמְחָה וּשְׂחוֹק רַע מְאוֹד, כְּגוֹן מִי שֶׁמְּשַׂחֵק בְּמִי שֶׁזָּהִיר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וּמְקַיֵּם מִצְוֹתָיו, וְיֵשׁ בָּזֶה אַרְבַּע רָעוֹת: הָאַחַת - שֶׁהוּא חֲשִׁיךְ נַפְשׁוֹ מֵאוֹר הַמִּצְוֹת, כְּשֶׁהוּא מוֹאֵס וּמְשַׂחֵק בִּמְקַיְּמֵי הַמִּצְוֹת, אָז יִתְגַּנּוּ הַמִּצְוֹת בְּעֵינָיו. הַשְּׁנִיָּה - כִּי אוּלַי מִתּוֹךְ הַשְּׂחוֹק יִמָּנַע צַדִּיק מִצִּדְקוֹתָיו, כִּי לֹא יוּכַל לִסְבּוֹל הַשְּׂחוֹק. הַשְּׁלִישִׁית - כִּי אֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא נִסּוּ לָלֶכֶת בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לֹא יוּכְלוּ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה מִפְּנֵי הַשְּׂחוֹק, וְיֵלְכוּ בַּחֹשֶׁךְ כָּל יְמֵיהֶם, וְנִמְצָא שֶׁזֶּה הַמְשַׂחֵק לֹא דַּי שֶׁמּוֹנֵעַ מֵחֲבֵרוֹ רַב טוּב הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים, אֶלָּא שֶׁמּוֹרִיד אוֹתוֹ שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וְהִנֵּה הַמְשַׂחֵק הַזֶּה בִּכְלָל עוֹנֶשׁ הַמַּחְטִיא אֶת הָרַבִּים. הָרְבִיעִית - שֶׁדּוֹמֶה לְלִסְטִים הָעוֹמֵד עַל פָּרָשַׁת דְּרָכִים, וְקוֹצֵץ רַגְלֵי הַמְּבִיאִים דּוֹרוֹן לְמֶלֶךְ, הֲלֹא זֶה שׂוֹנְאוֹ וְאוֹיְבוֹ שֶׁל הַמֶּלֶךְ וְרָעָתוֹ רַבָּה מְאוֹד!

דעריבער, וויפיל דארפן מיר אכטונג געבן אז מיר זאלן חלילה נישט זיין פון די פיינט פונעם קעניג, און ווען מיר זעען א קינד דדער תלמיד, און אפילו א חבר, וואס פירט זיך מיט א גוטן הנהגה, זאל מען שטארק אכטונג געבן אז מען זאל אים נישט אפקילן דערפון און אים נישט אפלאכן, נאר פארקערט, מען זאל אים שטארקן און שטיצן זיינע גוטע מעשים, כדי מיר זאלן נישט זיין פון די תלמידים פון בלעם הרשע, און אויב מיר וועלן זיך אזוי פירן, וועלן מיר מעגליך זוכה זיין אז עס וועט מקוים ווערן אין אונז דער 'קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה'. (עפ"י טיב התורה – מטות)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

אויף א איד ליגט א פליכט זיך מתדבק צו זיין אין די מידות פון הקב"ה, און אפילו אז מ׳דארף מוסר׳ן דעם בעל עבירה און אים מעורר זיין צו תשובה און אויך זוכן ווי אזוי מען קען יענעם צוריקברענגען צו תשובה, אבער ווען עס קומט צו נקמה נעמען, צו באשטראפן יענעם, זאלסטו קוקן אויף יענעם מיט א ברייטערע בליק און באטראכטן דער גאנצער ארום און ארום פון דער מענטש און אזוי ארום זאלסטו אים דן זיין.

אויך ווען עס קומט מוכיח צו זיין דעם מענטש זאלסטו זיך פירן אזוי. רוב רובא מענטשן האבן שוועריגקייטן מקבל צו זיין תוכחה פון א צווייטן. דער שטער אז מ׳זאל מקבל זיין תוכחה פון א צווייטן נעמט זיך פון דער וועג ווי אזוי יענער איז אים מוכיח.

צוויי שטערונגען איז דא וואס האלט אפ דער גע׳מוסר׳טער פון מקבל זיין דער מוסר. די ערשטע איז אז ער שפירט אז דער מוכיח זאגט אים נישט קיין מוסר ווייל ער וויל ער זאל בעסער ווערן, נאר זיך צו קענען האלטן גרעסער ווי אים, און דא האט ער געטראפן אן ארט וואו ער קען מכניע זיין דעם צווייטן. די צווייטע סיבה איז ווייל דער בעל עבירה האט די הרגשה אז דער מוכיח פארשטייט נישט די אומשטענדן וואס האט צוגעברענגט ער זאל באגיין די עבירה.

אין זיינע אויגן האט ער עובר געווען אויף די עבירה לתאבון, ווייל עס האט זיך אים פארגלוסט. אסאך מאל איז עס טאקע אזוי, ווי מ׳זעט ביי די מדינים, אז די שנאה האט זיי געטריבן צו די עבירה, אבער אסאך מאל איז דער חוטא עובר די עבירה, ווי דער מואבי, פון דרוק, פון פחד, צוליב עקאנאמישע פרעשור אדער געזעלשאפטליכער דרוק, און די אלע זאכן זענען גורם אז עווענטועל זאל ער באגיין די עבירה.

אז דער מוכיח וועט האלטן די נקודה פאר זיינע אויגן און מוכיח זיין דעם איד געבנדיג די געפילן, וועט די תוכחה בעסער און שנעלער אריינגיין אין די הארץ פון דעם גע׳מוסר׳טן.

מיט יארן צוריק האב איך מיטגעלעבט אזא מציאות זעענדיג מיט א קלארקייט ווי אזוי די נקודה ווערט באשיינפערליך פארווירקליכט. די מעשה איז געווען אין א ישיבה מיט בחורים. אין די ישיבה האט געלערנט א בינוני בחור וואס די ישיבה האט זיך געמוטשעט מיט אים אז ער זאל זיך צושטעלן צו די סדרי הישיבה.

איין צופרי איז דער בחור נישט אנגעקומען אין די ישיבה. דער משגיח האט געטראכט צו זיך אז זיכער איז עפעס געשען מיט׳ן בחור אז ער איז נישט געקומען אין די ישיבה. ווען עס איז אריבער עטליכע טעג און דער בחור איז נישט געקומען אין די ישיבה, האט זיך דער משגיח געוואונדערט וואס גייט פאָר מיט דעם בחור. ער האט געוואלט גיין מברר זיין וואס איז געשען מיט דעם בחור, אבער נאך איידער ער האט עספיעט געוואויר צו ווערן וואס איז געשען מיט דעם בחור האט זיך דער בחור באוויזן אין די ישיבה.

"איך האב זיך נישט גוט געשפירט", האט דער בחור געזאגט פאר׳ן משגיח.

"איך בין געלעגן אין בעט מיט הויכע פיבער".

דער משגיח האט געקווענקעלט צי זיין אויסרייד איז וואָר, אבער נישט האבנדיג קיין וועג פעסטצושטעלן די ווירקליכקייט פון דעם אויסרייד האט ער אנגענומען די תירוץ און אים דורכגעלאזט.

עטליכע טעג שפעטער האט זיך דער משגיח דערוואוסט די אמת. פון פרעמדע קוועלער האט ער זיך דערוואוסט אז דער בחור איז אוועקגעפארן צו אן אפרוה פלאץ און דארט פארוויילט פאר עטליכע טעג. די ידיעה האט דערציילט אז דער בחור איז געווען דארט און אז נישט נאר האט ער דארט פארוויילט נאר ער האט אויך געמוטיגט אנדערע בחורים נאכצוטון זיין מעשה, דינענדיג אלץ א פערזענליכער ביישפיל ווי אזוי מען קען איבערקלוגן די סיסטעם.

ווען דער משגיח האט פעסטגעשטעלט אלע דעטאלן איז ער געווארן זייער צושטורעמט. זיין מח האט אנגעהויבן ווירבלען מיט געדאנקען ווי אזוי מען קען אנלערנען דעם בחור. ער האט אפילו שוקל געווען א געדאנק צו פארשיקן דעם בחור פון ישיבה אז אלע זאלן זען אז עס איז נישט קיין הפקר־וועלט און מען קען נישט טון וואס מ׳וויל.

צושטורעמערהייט האט ער באגעגענט דער ראש הישיבה. זעענדיג אויפ׳ן משגיח א בייזקייט און הערנדיג וואס עס גייט פאָר און וואס ער פלאנט צו טון, האט דער ראש הישיבה זיך אנגעהויבן זארגן איבער די גורל פון דעם בחור.

"ארויסווארפן א בחור פון א ישיבה איז נישט אזא פשוט׳ער זאך". האט ער געקלערט צו זיך.

דער ראש הישיבה האט אויפגעמערקט דער משגיח אז ער זאל נישט טון קיין געאיילטע שריט.

"ווער ווייסט"? האט ער אים געזאגט.

"מעגליך אז דער בחור באגרייפט נישט ריכטיג די הארבקייט פון זיין מעשה".

"אפילו אויב איך וועל אים דן זיין לכף זכות, אבער איך קען נישט צולאזן אז די מעשה זאל אריבערגיין אזוי שטיל".

דער ראש הישיבה האט גע׳עצה׳ט דער משגיח, אז ער זאל קובע זיין מיט׳ן בחור א טעגליכער שיעור אין א מוסר ספר וואס רעדט ארום איבער די הארבקייט פון רעדן ליגענטס און אפנארן אנדערע.

דער משגיח האט געפאלגט. ער האט גערופן דעם בחור און באשטימט מיט אים א טעגליכער שיעור מוסר. עס איז אריבער א שטיק צייט און דער בחור האט זיך אנטשולדיגט פאר דער משגיח זאגנדיג אז נאר יעצט באגרייפט ער די הארבקייט פון זיין מעשה און ווי נאריש און קינדעריש זיין התנהגות איז געווען.

די נקודה זעט מען אסאך מאל אין לעבן, אז מ׳פירט זיך מיט דעם, אז מ׳קוקט מיט א ברייטקייט אויף א זאך, אז מען איז זיך מדבק במדותיו של הקב"ה זעט מען אסאך מאל וואונדערליכע זאכן ווי אזוי מ׳האט פאלש אפגעלערנט א בילד, און אז די אמת איז ממש אנדערש ווי עס האט אויסגעזען אין אנהייב.

זאל הקב"ה געבן אז מ׳זאל אייביג קענען זען מיט א קלארקייט אלעס און דן זיין אידן לכף זכות ובשכר זה וועט אונז הקב"ה דן זיין לכף זכות און ברענגען ד י גאולה בקרוב ובמהרה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך ליינערס

# א השגחה פרטית אין די שאסייען

אין די שפעטע נאכט שטונדן האב איך זיך אריינגעזעצט אין מיין פריוואטער קאר, און זיך ארויסגעלאזט פון ירושלים עיה"ק צו די שטאט ביתר.

אלץ איינוואוינער פון די שטאט ביתר און אלץ איינער וואס ארבעט אין ירושלים עיה"ק פאָר איך יעדן טאג ארײַן פון ביתר קיין ירושלים און צוריק. געוויינליך וועל איך פארן אין די צופרי שעה׳ן, אבער היינט האב איך געדארפט פארבלייבן אין ירושלים ביז צו די שפעטע נאכט שטונדן.

איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג. אריבערפארנדיג די זיכערהייט טשעקפוינט אריין אין די שטאט ביתר, האב איך געזען ווי צוויי קאַרן שטייען אין די זייט פון די שאסיי. קלערנדיג אז זענען מעגליך געשטראנדעט, האב איך זיך אפגעשטעלט נעבן זיי פרעגנדיג אויב זיי נויטיגן זיך אין הילף.

"ניין, מיר זענען אקעי", האבן די צוויי געענטפערט זאגנדיג אז זייער אפשטעל איז בלויז ווייל זיי האבן זיך געוואלט באגעגענען.

אזוי שטייענדיג דארט, קומט אריבער צו מיר א בחור׳ל און פרעגט מיר צי איך פאר אפשר קיין ביתר. נאכ׳ן זאגן אז יא האט ער געבעטן צי איך קען אים געבן א היטש.

איך האב אים גערן אריינגענומען אין מיין קאר און מ׳האט ממשיך געווען די וועג.

אונטערוועגענס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור איז געפארן מיט א איד קיין ביתר. אינמיטן וועג האט דער איד זיך דערמאנט אז ער מוז צוריקפארן קיין ירושלים און אראפגעלאזט דעם בחור אינמיטן וועג.

דער בחור איז געווען הילפלאז. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון און ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה. אין יענער מינוט האב איך זיך אפגעשטעלט דא און ער האט געטראפן א וועג אהיים.

אויף צוריקצוועגס האב איך געזען די השגחה פרטית, איך האב זיך אפגעשטעלט זעענדיג צוויי קארען געשטראנדעט, אבער באמת בין איך געווען א גוטער שליח פון הימל אפצונעמען דעם בחור צו זיין היים.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

אין ספה"ק **תפארת שלמה** אין די היינטיגע פרשה, ווערט ערקלערט דער רמז פון דעם פסוק, סיי אויף ארויף און סיי אויף אראפ.

**אויף ארויף**, אז ווען א איד געבט אכטונג און ער רעדט נישט קיין ליגנט, און ער איז מקיים דעם **"לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ"**, אז ער פארשוועכט נישט זיינע רייד חס ושלום. – דעמאלטס **"כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"**, וועט השי"ת טון אלעס וואס גייט ארויס פונעם מויל פון דער מענטש, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא "צַדִּיק גּוֹזֵר וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מְקַיֵּים" (מועד־קטן טז:).

**אויף אראפ**, אז אזוי ווי דער מענטש זאגט מיט זיין מויל, **וועלן די אידן טון**, און מען וועט נישט ווידערשפעניגן זיין באפעל. ווייל אידישע קינדער זענען הייליג און זיי שפירן און ווייסן וויאזוי אנצונעמען דעם אמת פון דער וואס זאגט עס. און דעריבער ווער עס רעדט אמת, און ער דערווייטערט זיך פון שקר, איז ער פארזיכערט אז אזוי ווי די ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל, אזוי וועלן אידישע קינדער טון.

***

א באקאנטע ערשיינונג האט געקענט פאסירן איבער די שטעטלעך אין **גאליציע, פוילן און אונגארן** אין די פריערדיגע דורות, אז עס האבן זיך פארמערט פאלשע מגידים און אדמורי"ם...

וויבאלד דאס איז געווען גאנץ א גרינגער שווינדל צו טון, פלעגן צוויי לצים זיך אנטון מיט רבי'שע מלבושים, מיט א שיינעם רעזשוואולקע און קאלפיק... מיט א זילבערנע שטעקן און ווייסע זאקן... און אזוי האבן זיי געוואנדערט פון דערפל צו דערפל, ווען אין איין פלאץ איז דער ערשטער געווען דער **'רבי'** און דער צווייטער איז געווען דער **'גבאי'**... און אינעם צווייטן דערפל האבן זיי זיך געטוישט, דער צווייטער איז געווארן **'רבי'** און דער ערשטער איז געווען דער **'גבאי'**... – און אזוי האבן זיי איינגעזאמלט א הון רב און עס אריינגעלייגט ביי זיך אין קעשענע, פון די הארציגע נדבות פון די תמימות'דיגע דארפסלייט...

דא זענען זיי אנגעקומען צו דער הויז פון א תמימות'דיגער איד, און נאכדעם וואס ער האט זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות, האט ער דערלאנגט פארן 'רבי'ן' לעקיך און בראנפן, און נאכדעם האט ער געפרעגט מיט וואס ער קען אים העלפן?

האט דער רבי געעפנט זיין מויל און ער

# לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ

**"לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** (ל, ג).

האט געזאגט: איך בין דער אייניקל פון דער בעל הַ"**דֹּבֵר שְׁקָרִים**", און איך דארף יעצט האבן א גרויסע סומע געלט, און דעריבער דריי איך זיבער איבער די שטעטלעך כדי צו פארשאפן די געלט...

יעצט האט דער גבאי זיך צוגעשטופט צו דער בעל הבית, און ער האט אים אריינגערוימט אין אויער: וויסן זאלסטו, אז דער רבי איז א גרויסער 'עניו', און ער איז נישט דער אייניקל פון דער "דובר שקרים", נאר דאס איז דער **דֹּבֵר שְׁקָרִים** אליין! דעריבער זאל מען אים מכבד זיין מיט א גרעסערע סומע...!

און עס איז באוואוסט דער מאמר העולם, אז ביי די ווארט **"אמת"** איז דא צוויי פיס ביי יעדע איינציגע אות **א, מ, ת**, דאס מיינט צו זאגן אז זי שטייט פעסט, מיטביידע פיס אויף דער ערד. – אנדערש איז אבער ביי די ווארט **"שקר"**, וואס ביי יעדע איינע פון אירע דריי אותיות **ש, ק, ר**, איז נאר דא דריי אותיות, דאס קומט צו ווייזן אז דער שקר האט נישט קיין אחיזה, עס האלט זיך נישט, אזוי ווי מיר זעען אז עס האט נישט קיין צוויי פיס צו קענען שטיין פעסט, נאר עס שפרינגט אויף איין פוס, און דער סוף וועט זיין אז עס וועט גאנץ שנעל אראפפאלן...

און אין ספר **מדרש פנחס** פון הרה"ק **רבי פנחס קאריצער זצוק"ל** (שער ו אות סה-סו) שטייט ווי פאלגנד: **שֶׁקֶר חָמוּר כְּמוֹ עֲרָיוֹת.** וְסִפֵּר, שֶׁשָּׁאַל רַבִּי נַחוּם מֵהָרַב: רַבִּי, אַתֶּם מַזְהִירִים מְאֹד שֶׁלֹּא לְדַבֵּר שֶׁקֶר, אֵיךְ לַעֲשׂוֹת כְּשֶׁצָּרִיךְ לְתַוֵּךְ לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם? – וְהֵשִׁיב, לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם אֲנִי אוֹמֵר מְאֹד אֱמֶת, וַאֲנִי עוֹשֶׂה שָׁלוֹם. וְהָיָה מַזְכִּיר מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסֵפֶר הָרַב **דְּפוֹלְנָאָה** בְּשֵׁם **הַבַּעַל שֵׁם טוֹב**, שֶׁמִּי שֶׁנִּכְשַׁל בְּשֶׁקֶר אָסוּר לוֹ לְשַׁקֵּר אֲפִילוּ מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם, דּוּמְיָא דְּרִבִּית.

***

וויפיל **שקר און בלאָף** איז דא היינטיגע צייטן ביים זוכן שידוכים, רחמנא ליצלן! וויבאלד צום באדויערן, טוט דער חשבון פון דער **'חשיבות פונעם שידוך'** פארנעמען גאר א גרויסן טייל ביים זוכן דעם שידוך. פילע גוטע און וואוילע שידוכים גייען אראפ נאר דערפאר וואס זיי זענען נישט גענוג 'מכובד'יג', לויטן 'הויכגעשעצטע' מיינונג פון די מענטשן זעלבסט...

ווייל ווי קומט דען אריין "חשיבות" ביי שידוכים?

זיי זוכן **"א חשוב'ער שידוך"!** וואס זאל טראגן מיט זיך כבוד און פראכט! – די שאלה וואס פרעגט זיך איז אבער, וואס וועט דען ארויסגענומען דערפון נאכדעם? ווייל אפטמאל איז דער גאנצער זאך געבויט בלויז אויף שקר און בלאף! און פארוואס דארפן דען די זין און טעכטער ליידן צוליב פאלשע כבוד? – וויבאלד זייער אפט איז אלעס געבויט פון הוילע שקרים, וואס האבן זיך אנגעהויפנט איינס אויפן אנדערן, רחמנא ליצלן.

כדי דאס בעסער צו פארשטיין, לאמיר דאס צוגלייכן צו דאס וואס איז איינגעפירט היינטיגע צייטן, אז ווער עס וויל זיך מאכן באוואוסט, לייגט אריין א פראכטפולע מודעה אינעם טעגליכן צייטונג, נאכן אויסשטעלן דעם נוסח מיט גרויס מי און פלאג, ווארט ביי ווארט. און אויפצומארגנס עפנט דער זעלבער מענטש דעם צייטונג, וועלנדיג זען וואס מען שרייבט אויף אים אינעם צייטונג, און ער צוגייט פון גרויס פארגעניגן...

און אזוי דרייט זיך דאס לעבן מיט פאלשע און פוסטע דמיונות...

***

**דער ווילנער גאון זצוק"ל** האט געהייסן זיין ווייב, אין זיין באוואוסטן בריוו, אז זי זאל ערציען זייערע קינדער, אז זיי זאלן נישט רעדן קיין דיבורים אסורים, און פארן רעדן שקר זאל זי זיי שלאגן און זיי נישט שוינען.

דער שורש וואו דער נפש הייבט אן קאליע צו ווערן חלילה, קען זיך אנהייבן ביי קינדער ביי גאר א יונגער עלטער, און דאס קומט דורך די מדה פון **שקר**, ווען א קינד לערנט זיך אויס אז עס איז דא א מעגליכקייט צו זאגן שקר, און צו מאכן שקר אין זיין נפש, רחמנא ליצלן!

און דער וואס עס געלונגט אים צו איינווארצלען אינעם זעל פון די קינדער דאס שרעק און גרויל פון שקר, דער איז פארזיכערט אז ער וועט מצליח זיין אינעם ערציאונג פון זיינע קינדער. אז זיי זאלן נישט זיין אימשטאנד צו רעדן שקר חלילה, און נישט מאכן קיין שקר אין זייער זעל, און דאס איז עפעס וואס איז **בָּדוּק וּמְנוּסֶּה**.

***

עס איז אמאל געשטאנען א גרופע יונגעלייט אין א בית המדרש, און האבן געהאט א ויכוח צווישן זיי איבער דער דין פון קריאת שמע, ווען איינער פון זיי האט מיט פייער גע'טענה'ט איבערדעם וואס אסאך מענטשן פירן זיך אז מען איז מקיים די מצוה פון **'קריאת שמע'** בזמנה, אין איר צייט, דורכן ליינען קריאת שמע אינדערפרי נאכן זאגן די ברכות התורה, און דאווענען נאכדעם און ליינען קריאת שמע מיט די ברכות און מיט טלית און תפילין נאכן זמן.

האט דער יונגערמאן גע'טענה'ט מיט פייער, אז דער מנהג איז איבערהויפט נישט לכתחלה, וויבאלד מען דארף ליינען קריאת שמע בזמנה זייענדיג אנגעטון מיט תפילין, כדי מען זאל נישט זיין אזוי ווי א מֵעִיד עֵדוּת שֶׁקֶר בְּעַצְמוֹ! [זע שולחן ערוך אורח חיים (סימן נח) און אין משנה ברורה דארט אויפן פלאץ]. און די וואס ליינען קריאת שמע בזמנה אן די תפילין, איז דאס א מנהג וואס איז א גרויסער בדיעבד, וויבאלד עס קומט אויס אז זיי זענען מעיד אן עדות שקר! ווייל ווען מען ליינט קריאת שמע שפעטער מיט די תפילין, איז דאס שוין נאכן זמן.

אבער די אנדערע יונגעלייט האבן זיך גע'טענה'ט מיט אים, און האבן ערקלערט אז וויבאלד מען האט אינזינען אז מען וועט שפעטער משלים זיין מיטן לייגן תפילין און מען וועט דעמאלטס איבערליינען קריאת שמע, קען מען דערמיט משלים זיין דעם חיוב פון תפילין ביי קריאת שמע, און דעריבער הייסט עס שוין נישט אז ער איז "כמעיד עדות שקר".

אזוי האבן זיך די יונגעלייט גע'טענה'ט אהין און צוריק, דער זאגט אזוי און דער טענה'ט פארקערט. ווען די חולקים האבן געברענגט א 'באווייז' צו זייער שיטה, פון די ווערטער פון די גמרא אין מסכת **ברכות** (יד:), וואו דאס ליינען קריאת שמע אָן תפילין ווערט צוגעגליכן צו "זֶבַח בְּלֹא נְסָכִים". און מיר האבן א **קַיְמָא לָן** ביי די נסכים פון א קרבן, אז מען קען עס **משלים זיין** נאכן ברענגען דער קרבן, און עס איז נישט מעכב אז מען דארף עס ברענגען דווקא צוזאמען מיטן קרבן, און די אחרונים האבן שוין ארומגערעדט דערוועגן באריכות.

פון די זייט איז געשטאנען איינער פון די גדולי הרבנים, און ער האט אויסגעהערט די גאנצע טענה'ריי פון די יונגעלייט, אבער איז געבליבן שטיל אן צו לאזן הערן זיין מיינונג.

נאר ווען זיי זענען צוגעגאנגען צו אים און אים געבעטן מיט יראת הכבוד, אז ער זאל אויסדרוקן זיין מיינונג, און זאגן ווער פון זיי עס איז גערעכט, האט ער געזאגט צו זיי ווי פאלגנד: איך וויל נישט יעצט מכריע זיין איבער דער דין, אבער איך שטיי און איך וואונדער זיך, פארוואס נאר ביי די מצוה פון תפילין האט איר מורא וועגן עדות שקר? פונקט דאס זעלבע זאגן מיר דאך ביי קריאת שמע "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ **בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ**", און אויך אויף דעם שרייבט דער **משנה ברורה** (סימן כ"ה סעיף־קטן י"ד) בשם דער **חרדים**, ווי פאלגנד: כְּשֶׁאוֹמֵר וְאָהַבְתָּ אֵת ד' וגו', יִרְאֶה לְהַכְנִיס אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִבּוֹ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה כְּדוֹבֵר שֶׁקֶר חַס וְשָׁלוֹם.

אויב אזוי, פארוואס אויף דער דין איז מען נישט מקפיד געהעריג...?!











יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173